בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

241

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב**
**בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין טַאטֶע עֶס זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?..............................................א

זָאל אִיךְ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים לְטוֹבַת דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין וַוייבּ? .........ג

וְוִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?....................ו

בַּיים זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען?...ז

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע לָאזְט מִיר נִישְׁט גֵיין הֲפָצָה?...........ח

וְוִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מַיין וַוייבּ אִיז אַלְץ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז?..............................................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

תְּהִלִים אִיז דִי גֶעוֶוער פוּן אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער........................א

דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן מִיטְ׳ן אַרַאבֶּער.......................................א

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס פְלָאגְן זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט ...........ד

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי חָשׁוּבּ׳סְטֶע זַאכְן .............................ה

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן טוּן פַארְ׳ן חֶדֶר אוּן סְקוּל מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ ...ה

זֶע עֶס זָאל זַיין חַיוּת אוּן לֶעבֶּעדִיגְקֵייט בַּיי דִי קִינְדֶער ................ו

וְוִי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען....ו

עֶלְטֶערְן וָואס וֶוילְן נִישְׁט אוּנְזֶער חִינוּךְ, דַארְפְן מִיר נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער..........................................ז

דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט בֶּעסֶער מִיט דִי צַייט........................ז

מֶען שֶׁעפְּט נַחַת פוּן עֶנְק..................................ח

אִיךְ בִּין דַאנְקְבַּאר פַאר דִי אָפִּיס אַרְבֵּייטֶער וָואס
הַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מוֹסְדוֹת..................................ח

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, כָּאטְשׁ מֶען
הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ ................................ח

בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס דִי
וִויכְטִיגְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ...............................י

פַאר דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאל מֶען גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ
אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ................................ יא

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ שְׁרַייבְּן דִי מַאמֶע'ס נָאמֶען .............. יא

אַ גְמַ"ח פוּן שְׁמֵייכְלֶען.....................................יב

אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי
מִקְוֶה טָהֳרָה-מִקְוֶה מַלְכָּה................................. יג

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נָאר נַחַת פוּן אַייךְ ................... יג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַלֶעס וֶועט זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת ...יד

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מוֹסָד פוּן דַיינֶע קִינְדֶער ...................יד

עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן
דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת................................. טו

מַזָל טוֹב פַאר דִי עֶפֶענוּנְג פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה
הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ.........................יז

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁרַייבְּן .........כב

וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין טַאטֶע עֶס זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּקִים פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיךְ הֶער יֶעדְן טָאג, עֶס מַאכְט קְלָאר דִי קָאפּ אוּן גֶעבְּט אַרַיין אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר לַאנְגֶע יָארְן, אוּן לֶעצְטְנְס אִיז עֶס אוֹיךְ גֶעפִילְטֶערְט, אָבֶּער מַיין טַאטֶע בֶּעט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיךְ זָאל עֶס אַוֶועקְווארְפְן.

פוּן אֵיין זַייט וִויל אִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר זַיין מַיין טַאטֶע, אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט אִים, אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים וָואס קֶען וֶוערְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אֶפְשָׁר אִיז דָאס אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ עֶנְדִיגְן דִי זַאךְ אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁפִּירְן אַלְץ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אִים, אוּן בִּכְלַל אַז עֶר זָאל מִיךְ אָנְנֶעמֶען אַזוֹי ווי אִיךְ בִּין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז גֶעפִילְטֶערְט, עֶס לָאזְט

נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין קַיין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן וְכוּ' - הָאט עֶס גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פְּרָאבְּלֶעם, עֶס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת; אֲפִילוּ דֶער פָּשׁוּטְ'ער טֶעלֶעפָאן רוֹיבְּט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין צַייט, זַיין מֹחַ אוּן זַיין מַחֲשָׁבָה, אוּן זִיכֶער דִי טֶעלֶעפָאוֹנְס וָואס זֶענֶען נָאךְ מֶער פָארְגֶעשְׁרִיטְן, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה, דָאס הַאלְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן אַלֶעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, "וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", מֶען טְרַאכְט נִישְׁט; מֶען אִיז פַארְנוּמֶען יֶעדֶע מִינוּט מִיט אַן אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייט, אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס קוּקְט סְטֶעטוּ"ס, דֶער נֶעמְט דִי טֶעלֶעפָאן יֶעדֶע רֶגַע אִין הַאנְט קוּקְן יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס נַארִישְׁקֵייטְן, יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס עֶדְוֶוערְטַייזְמֶענְט אוּן יֶעדֶענְ'ס דִמְיוֹנוֹת; דֶער הָאט זִיכֶער נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ קֶען אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעזֶעצֶענֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט; גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאוֶוענְט, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זַייט זֵיי קוּקְן סְטֶעטוּ"ס - זֶענֶען זֵיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַמָאל.

אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן אַזוֹי וִוי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן מֶער צַייט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, מֶער צַייט פַאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ פַּאסְטְן תַּעֲנִיתִים לְטוֹבַת דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַלֶע מְקוֹרוֹת.

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אָבֶּער הַיינְט אִינֶעם הוּנְדֶערְסְטְן תַּעֲנִית-טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ פַּאסְטְן לִזְכוּת נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה פוּן מַיין וַוייבּ עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי תַּעֲנִיתִים וָואס אִיךְ פַּאסְט פַאר אִיר אִיז אַ זְכוּת פַאר אִיר אוֹיפְ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת? וַוייל אוֹיבּ יָא, ווִיל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פַּאסְטְן נָאךְ 59 טָאג, עֶס זָאל אוֹיסְקוּמֶען צוּ דִי גְמַטְרִיָּא פוּן אִיר נָאמֶען = 159, אָדֶער בִּין אִיךְ זִיךְ טוֹעֶה, אוּן "ן" אִיז 700? דֶערִיבֶּער טְרַאכְט אִיךְ צוּ פַּאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי 65,600 תַּעֲנִיתִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין פַּאסְטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַ תִּיקוּן פַאר אִיר נְשָׁמָה; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִים פַאר אִיר נְשָׁמָה אוּן גֶעבְּן צְדָקָה.

פַּאסְטְן אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט פַּאסְטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן י) דֶער וָואס פַּאסְט אִיז אַזוֹי ווִי אַ זַאק וָואס אִיז פוּל מִיט לֶעכֶער, אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֵיידִיגְט אוֹיס דִי זַאק בְּלַייבְּט דֶער זַאק צֶעלֶעכֶערְט, ״וְאִם הִתְבּוֹנַנוּ בְּעַצְמָן הָיוּ רוֹאִים אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים עֲדַיִן נִשְׁאֲרוּ אֶצְלָם כָּל תַּאֲוָתָם קְשׁוּרִים בְּשַׂקָּם״, אַז מֶען וֶועט אַרֵיינְטְרַאכְטְן וֶועט מֶען זֶען אַז אֲפִילוּ נָאכְן פַּאסְטְן בְּלַייבְּט מֶען אִיבֶּער מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת, עַיֵּין שָׁם.

קוּק אַרַיין אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק לא, מִכְתָּב ג׳ תתפג), אֵיינֶער פְּרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "לְדַאֲבוֹנִי וּלְצַעֲרִי אִבַּדְתִּי אֶת אִשְׁתִּי וְנִשְׁאַרְתִּי אַלְמָן, מָה הַדָּבָר הֲכִי טוֹב שֶׁאֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת לְעִלּוּי נִשְׁמָתָהּ", אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין וַוייבּ, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַן אַלְמָן, וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַלְס אַ תִּיקוּן פַאר אִיר נְשָׁמָה?

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶנְטְפֶערְט: "אֵין לְתָאֵר וְאֵין לְשַׁעֵר אֶת גֹּדֶל הַזְּכוּת כְּשֶׁאָדָם נוֹתֵן צְדָקָה לְעִלּוּי נִשְׁמַת נְשָׁמָה שֶׁנִּפְטְרָה בְּגִיל צָעִיר", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס אַ נְשָׁמָה הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִיר נְשָׁמָה, "הַצְּדָקָה מוֹעִילָה בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ שֶׁל הָאָדָם וּבִפְרָט לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ מִזֶּה הָעוֹלָם", צְדָקָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נח, ח): "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ".

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם גַאנְצְן תְּשׁוּבָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (שָׁם) ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בָּזֶה הָעוֹלָם וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אָפְּצוּשַׁאצְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה, נָאר נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה. דִי צְדָקָה רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע וֶוערֶעם, מַייזְן אוּן שְׁלֶענְג וָואס קוּמֶען צוּ קְרִיכְן צוּם נִפְטָר.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מַאכְט מֶען אַ לְוַיָּ', אַלֶע וֵויינֶען, מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם נִפְטָר בִּיזְן בֵּית הַחַיִּים, דִי חֶבְרָה קַדִּישָׁא גְרָאבְּן אַ גְרוּבּ אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם נִפְטָר אִינֶעם גְרוּבּ, מֶען דֶעקְט צוּ מִיט עֶרְד, נָאכְדֶעם גֵייעֶן אַלֶע אַהֵיים; דִי אֲבֵלִים זֶעצְן זִיךְ שִׁבְעָה, מֶען קוּמְט זֵיי מְנַחֵם זַיין, מֶען וֵויינְט מִיט זֵיי, מֶען טְרֵייסְט זֵיי, מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי, מֶען מַאכְט וֶוערְטְלֶעךְ, מֶען טוּט אַלֶע מִינֵי זַאכְן זֵיי זָאלְן פַארְגֶעסְן פוּן זֵייעֶר צַעַר; אֵיין זַאךְ אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס גֵייט יֶעצְט פָאר מִיט'ן נִפְטָר? אֵיינֶער טְרַאכְט בִּכְלָל אַז עֶס אִיז דָא אַ נִפְטָר? אֵיינֶער וֵוייסְט וָואס דֶער נִפְטָר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער? קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָארְט טוּט זִיךְ, עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין הוּנְגֶערִיגֶע מַייז, הוּנְגֶערִיגֶע שְׁלֶענְג, זֵיי שְׁמֶעקְן פוּן דֶערְוַוייטְנְס פְרִישֶׁע פְלֵיישׁ, זֵיי הֵייבְּן אָן רַייסְן שְׁטִיקֶער פוּנֶעם נִפְטָר, דִי צַעַר אוּן יִסּוּרִים וָואס

דֶער נִפְטָר הָאט פוּן דֶעם - קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע צַעַר, יֶעדֶע בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם אִיז נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן, דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר דִי מִצְוֹת פוּנֶעם נִפְטָר, דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה - דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַן אוֹיבֶּער חָכָם, דוּ פָּאלְגְסְט נִישְׁט, דוּ מַאכְסְט זִיךְ וַוייטֶער מְשׁוּגָע מִיט דִי תַּעֲנִיתִים; אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, לָאז אָפּ דִי וֶועג; אַז דוּ ווִילְסְט טוּן פַאר דִי נְשָׁמָה זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה לִזְכוּתָה, אָדֶער זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה לִזְכוּתָהּ, אָדֶער דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אִיר זְכוּת; דָאס וֶועט אִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**וָואס צוּ טוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַ נְשָׁמָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אִיר לֶעבְּן פַאר תּוֹרָה, זִי הָאט גֶעקָאכְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, זִי אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי יְשִׁיבָה בְּלֵב וָנֶפֶשׁ, זִי אִיז יֶעצְט אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס ווַייל אִיךְ הֶער אַז דוּ פַאסְט תַּעֲנִיתִים אוּן דוּ טוּסְט כָּל מִינֵי זַאכְן פַאר אִיר נְשָׁמָה; טוּ נִישְׁט דִי זַאכְן, דוּ וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תֶּצֵא): "דֶער וָואס וֵוייסְט פוּן מִיר - וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן? אוּן דֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר - וָואס וֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן דִי פַאסְטְן?" אַז מֶען וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת - קֶען מֶען עֶסְן, אוּן שְׁלָאפְן, אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְדָקָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר אַ נְשָׁמָה אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אַ נְשָׁמָה, אָבֶּער דִי תַּעֲנִיתִים - דָאס זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן.

**נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיף דַיין הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה)**: "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

[...

## ווי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי יֶעצְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אִיךְ זָאל דָאס קֶענֶען דוּרְכְשְׁוִויצְן, אִיךְ זָאל עֶס קֶענֶען אַרִיבֶּערְטְרָאגְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) **דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (תְּהִלִּים ד, ב)**: "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.**

זוּךְ אוֹיף גוּטְס אִין דַיינֶע שְׁוֶועְרֶע טֶעג, עֶס מוּז זַיין עֶפֶּעס גוּטְס; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דַיינֶע שְׁוֶועְרֶע צַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיים זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן; זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְש. אִיךְ וִויל אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַ שְׁבַח פַאר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט מַיין קָאפּ אוּן מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן. אִיךְ פְּרוּבִיר אוֹיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אַ יוֹם תְּהִלִּים, אוּן דֶער בְּלַאט גְמָרָא, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אָדֶער זָאגְט מֶען נָאר 'הַשֵּׁם'?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, דֶער חִידָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט (מִדְבָּר קֵדְמוֹת מַעֲרֶכֶת א, אוֹת נא) בְּשֵׁם מֶדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת: ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווִילְן אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין גֵהִינוֹם, הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע צַדִּיקִים, עֶר

שְׁרֵייט: "אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", "יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", "יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט, נָאכְדֶעם שְׁרֵייט עֶר: "רְאוּבֵן", "שִׁמְעוֹן", "לֵוִי", בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב. אָשֵׁר פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ עֶנְטְפֶערְט עֶר 'יָא', נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן. דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'מִשְׁנָה', אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַן עֵדֶן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם שֵׁם הַשֵּׁם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ; נָאר אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַרוֹיס דֶעם גַאנְצְן פָּסוּק, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם שֵׁם הַשֵּׁם.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן וֶוען עֶס שְׁטֵייט דִי שֵׁם אדנ"י - הַשֵּׁם, אוּן וֶוען עֶס שְׁטֵייט יקו"ק - הֲוַיָ"ה; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוַיָ"ה אֶחָד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע לָאזְט מִיר נִישְׁט גֵיין הֲפָּצָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה; מַיין מַאמֶע תְּחִי' הָאט זִיךְ דֶערְוִויסְט אַז אִיךְ טוּ הֲפָּצָה, אַז אִיךְ גֵיי אַרוּם קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִירְן פוּן הַייזֶער אוּן אִיךְ טֵייל פַּאר מֶענְטְשְׁן גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, אִיךְ גֶעבּ זֵיי לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אוּן דָאס הָאט אִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֵיי הֲפָּצָה בִּין אִיךְ עוֹבֵר אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, וַוייל מַיין חִיוּת אִיז פוּן הֲפָּצָה, אִיךְ הָאב אַ מְשׁוּנֶה'דִיגֶע חִיוּת פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דִי צְווייטֶע זַייט לָאזְט מִיר נִישְׁט מַיין מַאמֶע גֵיין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין הֲפָּצָה, וַוייל אִיךְ זֶע וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה מִיט דֶעם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען קְלָאר מַאכְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזּוּק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה פַארֶערְכְט אַלֶע זַיינֶע זִינְד, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארֶערְכְט אַלֶעס.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס שְׁמֶעקְט זֵיי נִישְׁט, רֶעד צוּ זֵיי נָאר זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן לִיבּ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער, מְקָרֵב זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי

הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, וֶוען מַיין ווייבּ אִיז אַלְץ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען דַארְף זֶען עֶס זָאל אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז מַיין ווייבּ אִיז זֵייעֶר אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע פְרוֹי, זִי שְׁרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג ווִי אַ טֶערְקְלְטוֹיבּ? וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר פְּרוּבִּירְט אִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ - הֶעלְפְט עֶס אַ בּוֹידֶעם, דִי שְׁטוּבּ בְּלַייבְּט אַלְץ אָנְגֶעצוֹיגְן.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט אַז דֶער מַאן דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַז דִי ווייבּ זָאל אִים אַרוֹיפְקוּקְן. מַיין ווייבּ'ס גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְן אָבֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי ווייזְן אֵיינֶער פַאר'ן צְווייטְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְנִידֶערְן דֶעם מַאן, אוּן מַיין ווייבּ ווִיל נִישְׁט בְּלַייבְּן אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג. וֶוען מַיין ווייבּ רֶעדְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן מִיט אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס, וֶועט זִי אִינְמִיטְן אַלְץ עֶפֶּעס רֶעדְן שְׁטְרֶענְג צוּ מִיר, מִיךְ הֵייסְן עֶפֶּעס טוּן, אַז אִירֶע שְׁוֶועסְטֶער זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי זִי קֶען רֶעדְן צוּ מִיר, אוּן דָאס קוּקְן זֵיי אַרוֹיף.

אוֹיךְ הַאלְטְן זֵיי אַז זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע אוּן קְלוּגְסְטֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער אַנְדֶערְשׁ אִיז מְשׁוּגָע.

ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אִין אֵיין בְּרִיווּ שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת נָאךְ אַ גַאנְצֶע סֶעט לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

קוֹדֶם כָּל, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט יָא אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; דוּ לֵייגְסְט אַרָאפּ אִינֶעם בְּרִיווּ וִוי זִי אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע אוּן דוּ בִּיסְט דֶער גוּטֶער, אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן; דֶער מַאן קֶען דֶערְגֵיין אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְטְרֶעפְן פַארְוָואס זִי שְׁרֵייט, וָואס עֶס טוּט אִיר וֵויי אוּן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר אִין לֶעבְּן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל דַארְף אַ פְרוֹי מֶען זָאל אִיר גֶעבְּן יַחַס וְכוּ׳, מֶען זָאל אִיר גֶעבְּן אַייְנֶערְקֶענוּנְג; דֶער מַאן דַארְף אִיר דָאס גֶעבְּן. עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ שְׁרַייבְּן אַז זִי שְׁרֵייט, זִי קְוִויטְשֶׁעט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דִי לְשׁוֹנוֹת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, טֶערְקְלְטוֹיבּ וְכוּ׳ - אָבֶּער יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ סִיבָּה; אַ פְרוֹי שְׁרֵייט נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי, עֶפֶּעס פֶעלְט אִיר אִין לֶעבְּן. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דוּ פָאלְגְסְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רב) אַז פְרוֹיעֶן דַארְפְן כָּבוֹד, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד) מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, וַוייל זִי לַיידְט שְׁוֶוערֶע פַּיין פוּן וַוארְטְן, גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער וְכוּ׳.

אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר, דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי נֶערְוֶוען וְכוּ׳, דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן אִיר דֶערְנִידֶערְן - וֶועסְטוּ זֶען וִוי זִי וֶועט וֶוערְן גוּט צוּ דִיר, זִי וֶועט זִיךְ פִירְן שֵׁיין צוּ דִיר. אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גֶעלְט, דוּ וֶועסְט אִיר קוֹיפְן קְלֵיידֶער, שִׁיךְ וְכוּ׳; דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן

אִין שְׁטוּב - וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, זִי וֶועט וֶוערְן גוּט צוּ דִיר; דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אוּן אַז דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן דוּ הָאסְט אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אַלֶעס גֶעטוּן - אוּן זִי אִיז נָאכְאַלְץ שְׁלֶעכְט צוּ דִיר - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין מא:): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִשָּׁה רָעָה אֵינוֹ רוֹאֶה פְּנֵי גֵּיהִנּוֹם", וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנוֹם, דִי גְמָרָא פְרֶעגְט: "לְמַאי נַפְקָא מִינָהּ?" וָואס אִיז דָאס אוּנְז נוֹגֵעַ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה? "לְקַבּוּלֵי מֵאַהֲבָה", מֶען זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דִי גְמָרָא רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס זָאגְט דִי גְמָרָא: "לְמִבְעֵי רַחֲמֵי", מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס דָא זָאגְט דִי גְמָרָא: "לְקַבּוּלֵי מֵאַהֲבָה", מֶען זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן צ): "אִם תִּהְיֶה אִשָּׁה רָעָה אַל יִבְגֹּד בָּהּ וְלֹא יְגָרְשֶׁנָּה, כִּי עַל יָדָהּ אֵינוֹ רוֹאֶה פְּנֵי גֵּיהִנֹּם", נֶעם דָאס אָן בְּאַהֲבָה וַוייל דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶועט פוּן גֵיהִנוֹם; דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג וֶוען מֶען הָאט אַ פְרוֹי אַ כַּעֲסָנִית.

דָאס אִיז דַעַת מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען זָאל זַיין אִין שְׁטוּב אַן עָנָיו, שָׁפָל וְסַבְלָן; פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע וֶועגְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס וֶועט רַאטֶעוֶועט פוּן גֵיהִנוֹם. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן גֶע׳חָלוֹמ׳ט וִוי עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי טִירְן פוּן גֵיהִנוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעְן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיר אַוֶועק פוּן דָא!" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרֵייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אִין גֵיהִנוֹם", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶענֶעוְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא פְלֶעגְט לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ גֶענֶעוְדְל; זִי פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, וֶוען זִי אִיז

גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז הָאט זִי אִים גֶעזִידְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט"; זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער, עֶרְגֶער פוּן אִים אִיז נִישְׁטָא.

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט פוּנֶעם חָלוֹם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'הַלְוַואי זָאל מַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל שְׁרַייעֶן נָאךְ אוֹיף מִיר; אוֹיבּ קוּם אִיךְ אָפּ מִיט דִי צַעַר דִי עוֹנְשִׁים פוּן גֵיהִנוֹם - אִיז מִיר דָאס כְּדַאי'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן דִי שֵׂכֶל, דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**תְּהִלִּים אִיז דִי גֶעוֶוער פוּן אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

תְּהִלִּים אִיז דִי גֶעוֶוער פוּן אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אוֹיפְשְׁרַייבְּן בַּיים סוֹף פוּנֶעם תְּהִלִּים וִויפִיל מָאל אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן אַלְץ אַ שְׁטוּפּ צוּ זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן מִיטְ׳ן אַרַאבֶּער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער, צֶעטֵייל דִי מַעֲשֶׂה פַאר צְוֵויי וָואכְן; דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן מִיטְ׳ן אַרַאבֶּער.

רַאטֶעוֶועט!!!!

עֶר הָאט אַ מֶעסֶער!!!!!!

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אַרַאבֶּער, עֶר שְׁרֵייט: "אַאַאַאַלְלַלַאַאַ הוּאַאַאַאַקְבַּבַּאַאַאַררר!!!"

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר שְׁטֵייט מִיט אַ כַּעַס, עֶר פָּאכֶעט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד, עֶר וִויל נָאר רֶעדְן צוּם רֶבִּי׳ן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט חֵיפָה, דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער רֶעדְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר רֶעדְט, דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג, סַיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סַיי בַּיינַאכְט, יֶעדֶע סְעוּדָה וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעצְן מִיט דִי גֶעסְט אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי׳ן.

בִּיז אֵיינְמָאל קוּמְט עֶר אַרַיין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט מִיט אַ מֶעסֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס עֶר וִויל; דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרוֹי פוּן דִי שְׁטָאט וָואלְחֵיי, וֶוען דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: "לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר אַוֶועקְלוֹיפְן, דֶער אַרַאבֶּער שְׁרֵייט אַז עֶר וִויל מַאכְן אַ מִלְחָמָה מִיט אַייךְ, אַנְטְלוֹיפְט...!"

דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מְטְשֶׁערְנִי־אוֹסְטְרָאָה; דֶער צַדִיק הָאט דֶעמָאלְט גֶעוואוֹינְט אִין חֵיפָה, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעוָואלְט? אוּן וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען?

דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַן אַרַאבֶּער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ׳עֶנֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר

פַּיינְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי'ס נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן? מַיין זַאךְ אִיז אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי - עֶר הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ:

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין חֵיפָה אוּן דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן; לָאמִיר דֶערְצֵיילְן נָאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

אוֹי וֵויי! דֶער אַרַאבֶּער אִיז שׁוֹין וַוייטֶער דָא! עֶר זוּכְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר פְרֶעגְט: "וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!" עֶר לַאכְט אוּן עֶר זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶעם רֶבִּי'ן), אִיךְ וִויל אִים אַוֶועק גֶעבְּן מַיינֶע אֵייזְלֶען, אוֹיךְ גֶעבּ אִיךְ אִים אַוֶועק מַיין פֶערְד, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין קַיין טְבֶרְיָ', עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעלַאכְט צוּם רֶבִּי'ן.

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט'ן אַרַאבֶּער אִין חֵיפָה אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶעשִׁיכְטֶע; וָואס הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעוָואלְט פוּן רֶבִּי'ן...? אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט'ן רֶבִּי'ן, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי סוֹדוֹת פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מֶער יְסוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער וִוי פוּן דִי פַיינְטְשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער".

קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן; וֶוען זֵיי קוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זֵיי וִוילְן זַיין אַ חַבֵר, זֵיי

**גֶעבְּן מַתָּנוֹת, זֵיי לַאכְן - זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי! עֶס אִיז מֶער סַכָּנָה וֶוען דֶער שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ וִוי אַ חַבֵר, וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ קְרִיגְן, מֶען דַארְף אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן טוּן עֲבֵירוֹת.**

**(דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען דָא אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל דִיךְ קִיצְלֶען אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער אוֹיף דִי קְלֵיידֶער אוֹיף פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, יֶענֶער מַאכְט זִיךְ פַאר אַ חַבֵר, עֶר זָאגְט דִיר עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּנֶעם אַרַאבֶּער וָואס הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט לִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן).**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס פְּלָאגְן זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, דוּ אַרְבֶּעטְסְט שְׁוֶוער? הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ? שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט?**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אַלֶע שְׁפִּירְן וִוי זֵיי קֶענֶען מֶער נִישְׁט; דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד אִיז אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. דַיין כֹּחַ גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, דַיין הָארֶעוַואנְיֶע בְּלַייבְּט לְנֵצַח נְצָחִים, אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד; מֶענְטְשְׁן בּוֹיעֶן בִּיזְנֶעסֶער, בַּיים סוֹף בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דִי הָארֶעוַואנְיֶע; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס פְּלָאגְן זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט.**

**אִיךְ הָאף דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.**

**...**

## זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מְלַמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט דַיין גְרוֹיסְקֵייט; דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן דִי הֵיילִיגֶע א-ב, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס דַאוֶוענֶען, פַּרְשָׁה, מִידוֹת טוֹבוֹת וְכוּ'; דָאס וֶועט זֵיי בְּלַייבְּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר מְלַמְדִים זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו, פְּרֶעג דִי מְלַמְדִים; זֵיי זָאלְן דִיר וַוייזְן אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן. אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סֵפֶר פַּאר מְלַמְדִים, פַּאר מְחַנְּכִים; עֶס אִיז דָא אִין דִי בְּרִיוו אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן טוּן פַּארְ'ן חֵדֶר אוּן סְקוּל מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ ... פַּארְ'ן טוּן פַּארְ'ן חֵדֶר אוּן סְקוּל; דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, אִיךְ וֵוייס דוּ טוּסְט עֶס מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ.

דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז, מִיר וֶועל דָאס מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## זֶע עֶס זָאל זַיין חַיוּת אוּן לֶעבֶּעדִיגְקֵייט בַּיי דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לֵייג אַרֵיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי וֶוערְטֶער וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין זֵייעֶרע הֶערְצֶער, דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

זֶע עֶס זָאל זַיין חַיוּת, לֶעבֶּעדִיגְקֵייט - בַּיי דִי קִינְדֶער; דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה זָאל לֶעבְּן, נִישְׁט עֶס זָאל זַיין אַ פַארְשְׁלָאפֶענֶע פְּלַאץ וואוּ קִינְדֶער קוּמֶען אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, עֶס זָאל זִיךְ לֶעבְּן צְווִישְׁן זֵיי.

...

## ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער. קִינְדֶער, ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי - אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען; יֶעדֶע וָואךְ קֶענְסְטוּ צוּלֵייגְן נָאךְ אַפָּאר שׁוּרוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען, אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעוואוֹינֶען זֵיי זִיךְ צוּ צוּם דַאוֶוענֶען מֶער אוּן מֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט שְׁרַייבְּן, לֵיינֶען וְכַדוֹמֶה.

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

...

## עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן נִישְׁט אוּנְזֶער חִינוּךְ, דַארְפְן מִיר נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן אַיינְקַאסִירְן דִי שְׂכַר לִימוּד פוּן דִי עֶלְטֶערְן. דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, מִיר דַארְפְן הַיינְט צָאלְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ בְּלוֹיז פַאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער; נָאר בִּזְכוּת דִי עֶלְטֶערְן וָואס צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - קֶען מֶען אָנְגֵיין אוּן צָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס.

בְּנוֹגֵעַ מִשְׁפַּחַת ... פוּן ...; זָאגְט פַארְ׳ן אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר זָאל אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מִיר הָאבְן לְכַתְּחִילָה אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אוּנְזֶער חִינוּךְ, עֶר זָאגְט קְלָאר אַז עֶר וַוארְט דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן אוּן זֵיי שִׁיקְן קַיין ...; אוּן אַז עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַייךְ, יֶעדְן טָאג זָאגְט עֶר מָארְגְן - דַארְפְן מִיר נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער.

...

## דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט בֶּעסֶער מִיט דִי צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז דֶער לֶעבְן בַּיי אַייךְ וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע קָאפְּלְס אִיז אַזוֹי, נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל זֶעצְן דָאס לֶעבְן; אַ טֵייל הָאבְן נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוֹיסְצוּוַוארְטְן, פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין אַ גְרוּבּ, אָבֶער דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיס אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶערְן עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים - בַּיי זֵיי וֶוערְט דָאס לֶעבְן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער יֶעדְן טָאג.

...

## מֶען שֶׁעפְּט נַחַת פוּן עֶנְק

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶועְנְט; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים.

אוֹיךְ אִיר זֶענְט אֵיידְל אוּן וואוֹיל, אִיךְ הָאבּ נָאר נַחַת פוּן עֶנְק, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאן׳ס עֶלְטֶערְן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן עֶנְק.

שְׁרַייבְּט מִיר וִויפִיל מָאל אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים.

...

## אִיךְ בִּין דַאנְקְבַּאר פַאר דִי אָפִּיס אַרְבֵּייטֶער וָואס הַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מוֹסְדוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין אָפִּיס.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַלֶע סֶעקְרֶעטֶערִיס אַז אִיךְ בִּין זֵיי זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ.

אָן דִי אָפִּיס אִיז גָארְנִישְׁט דָא; דִי זְכוּת פוּן דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי גֶעטְרֵייעֶ סֶעקְרֶעטֶערִיס.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, כָאטְשׁ מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין חַבֵר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער, דִי

צַד הַכַּלָּה הָאט אָפְּגֶעזָאגְט דִי שִׁידוּךְ אַפָּאר טֶעג פַאר דַיין חֲתוּנָה; עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דַיין צַעַר, וֶוען עֶר טְרַאכְט פוּן דִיר שְׁפִּירְט עֶר ווִי עֶר גֵייט אַרָאפּ פוּן זִין, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ אַלֵיינְס שְׁפִּירְסְט אַזוֹי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן גָאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

אִיךְ ווֵייס פֶּערְזֶענְלִיךְ כַּמָּה וְכַמָּה מַעֲשִׂיּוֹת פוּן חֲתָנִים וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעזָאגְט דִי שִׁידוּךְ, זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן מִיט רֶעכְט; וָואס קֶען דֶען זַיין אַ גְרֶעסֶערֶע צַעַר פַאר אַ חָתָן כַּלָּה אַז מֶען לָאזְט אָפּ דִי שִׁידוּךְ? מֶען וַוארְט אַזוֹי לַאנְג צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, אָנְהֵייבְּן דִי לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען לָאזְט אָפּ דִי שִׁידוּךְ אִיז דָאס זֵייעֶר ווֵייטָאגְלִיךְ; דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַסַאךְ בֶּעסֶערְס אוּן שֶׁענֶערְס.

דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעזָאגְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דַיין שִׁידוּךְ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דַיין שִׁידוּךְ; אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין רַאדְווִיל, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אָן אַ וַוייבּ, דֶעמָאלְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְּרוּוְוען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה): "אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָּארְן זֶענֶען זַיינֶע שִׁידוּכִים, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִיווּגִים, דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, אֲפִילוּ וֶוען מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס פַאלְט זֵיי בַּיי אַז דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר דִי מֵיידְל - אִיז דָאס אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ. "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה, וְלִפְעָמִים נִגְמָר

הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים אַחַר כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ' כַּנַּ"ל"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר אוּן פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס, וַוייל עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם. זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, גְלֵייבּ אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס אוּן אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - אִיז דָאס נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

לָאז מִיר וִויסְן וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שִׁידוּךְ.

...

## בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מְלַמֵּד אִינֶעם נֵייעֶם חֵדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט זַיין מְלַמֵּד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ גֶעדֶענְק דַיין סַבְלָנוּת אוּן דַיין הַארְץ צוּ קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט הַמְּלַמֵּד ... אוּן מִיט ... אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים, זֵיי וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען ווִי אַזוֹי צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דוּ הָאסְט מִיר גֶערוּפְן צֶענְדְלִיגֶער מָאל, זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען טָרוּד מִיט דִי שִׂמְחָה, אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַאר דִיר. יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶען אִיךְ וֶועל אַלְץ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן פַאר דִיר, וַוייל בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאר דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאל מֶען גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.

פַאר מֶען גֵייט מַאכְן דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאלְט אִיר גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ מִתְפַּלֵל זַיין אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.

...

## דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ שְׁרַייבְּן דִי מַאמֶע'ס נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען שְׁרַייבְּט מַיין מַאמֶעס נָאמֶען מִיט אֵיין יוּד. דֶעם שַׁבָּת אִיז מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; מַיין טַאטֶע

שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא, בַּיים לֵיינֶען דִי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעזֶען מַיין נָאמֶען אוֹיף דִי מֶענְטֶעלֶע פוּנֶעם סֵפֶר תּוֹרָה 'לִזְכוּת יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל' גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אֵיין יוּד, עֶר הָאט מִיר פַארְרָאכְטְן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט רַייצָא מִיט צְוֵויי יוּדְ"ן, וַוייל עֶס אִיז אַ פַּתַח, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צֵירֵי; פֵּיגָא שְׁרַייבְּט מֶען מִיט אֵיין יוּד, וַוייל אַ צֵירֵי אִיז אֵיין יוּד, וִוידֶער אַ פַּתַח שְׁרַייבְּט מֶען מִיט צְוֵויי יוּדְ"ן; זָאלְסְטוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן שְׁרַייבְּן בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

...

## אַ גְמַ"ח פוּן שְׁמֵייכְלֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁרַייבְּט מִיר כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו פוּן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסָד, אוֹיךְ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיךְ פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ'.

זַייט שְׁטַארְק אוּן שְׁטַארְקְט אַלֶעמֶען מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט שְׁמֵייכְלֶען. אִין שְׁטֶעטְל אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַלֶעס דָא, גְמַ"חְ'ן פַאר יֶעדֶע זַאךְ, יֶעצְט זוּכְט מֶען אַ גְמַ"ח פוּן שְׁמֵייכְלֶען, טוּן גְמִילוּת חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער בְּחִנָּם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט נִישְׁט.

...

## אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה-מִקְוֶה מַלְכָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט זִיךְ מִתְנַדֵּב גֶעוֶוען צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס דִי הִילְף פוּן אוּנְז אַלֶע, דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף הָאשְׁקִי; אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעֲזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק, מִיר וֶועלְן אַלֶע אַ טֵייל נֶעמֶען אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה-מִקְוֶה מַלְכָּה.

וּבִזְכוּת בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

...

## אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נָאר נַחַת פוּן אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר מַאכְט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין צַעַר, קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת.

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נַחַת פוּן אַייךְ, אִיךְ הָאבּ אַייעֶר נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַייעֶר טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט נָאר נַחַת פוּן אַייךְ.

אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אִיר וֶועט שׁוֹין בַּאלְד טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידּוּךְ.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַלֶעס וֶועט זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָארְג נִישְׁט, אוּן זָאג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט זָארְגְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַלֶעס וֶועט זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים בִּיז אַהֶער אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל עֶנְק הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

לָאז מִיר וִויסְן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט.

...

## קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מוֹסָד פוּן דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מוֹסָד, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי וֶועלְן זֵיי פַארְשִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער.

אוֹיבּ אִיז אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, דַיין טָאכְטֶער תְּחִי' אִיז אַ גֶעזוּנְט קִינְד, עֶס פֶּעלְט אִיר גָארְנִישְׁט, דִי מוֹסָד זוּכְט צוּ מַאכְן פוּן אִיר אַ קֶעיס, אַזוֹי וִוי אַלֶע מוֹסְדוֹת זוּכְן וִוי מֶער קִינְדֶער זָאלְן זַיין אוֹיף מֶעדִיקֶעישְׁן וְכוּ' וְכוּ', - זָאלְסְטוּ טוּן אַזוֹי, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אוּן וֶוען דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסָד רֶעדְן צוּ דִיר זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'נֶען מִיט זֵיי. זָאג זֵיי אַז דוּ פָאלְגְסְט, דוּ הָאסְט אִיר גֶענוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער אוּן זִי נֶעמְט דִי מֶעדֶעצִין וָואס

דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט אִיר. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, וַוייל דוּ גֵייסְט דָאךְ טַאקֶע צוּם גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן, אוּן דָאס אַז זִי נֶעמְט מֶעדֶעצִין אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין לִיגְנְט וַוייל תְּפִלָּה אִיז מֶעדֶעצִין; אַזוֹי וֶועט מֶען דִיר אָפְּלָאזְן.

אַז זֵיי וֶועלְן דִיר פְרֶעגְן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם פְּרָאפֶעסָאר זָאלְסְטוּ זָאגְן: "דר. פֶעלְדְמַאן", דָאס אִיז אוּנְזֶער פְּרָאפֶעסָאר; 'פֶעלְדְמַאן' אִין אִידִישׁ אִיז 'אִישׁ שָׂדֶה' - אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז בְּשָׁעַת זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאל זִי נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הֶענְט פוּן פָּנִים, זִי זָאל בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת; דִי תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען זֶעט קְלָאר וָואךְ בַּיי וָואךְ וִוי דִי קִינְדֶער וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, וִוי זֵיי וַואקְסְן שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי - וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען; דִי מוֹסְדוֹת דַארְפְן הַכְנָעָה, וֶוען עֶלְטֶערְן וַוייזְן הַכְנָעָה אוּן זֶענֶען מַכִּיר טוֹבָה וָואס זֵיי טוּעֶן מִיט דִי קִינְדֶער - מִישְׁן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת: "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה"; נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה. וֶוער עֶס הָאט אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן טְשֶׁעפֶּען, פְלִיקְן, שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער, - דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג

נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!" וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים אוּן עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין אַנְדֶערֶע, עֶר רֶעדְט שְׁטֶעכֶעדִיג אוּן פְלִיקֶעדִיג; דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה אִיז, מֶען זָאל נֶעמֶען דִי הֵייסֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט אוּן דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת; דָאס זוֹיבֶּערְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה): "דִי לַייט פוּנֶעם קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם פְרוּמֶען בַּעַל תְּפִלָּה זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי מְדִינוֹת זֵיי אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ", דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אִיבֶּער אַלֶע כִּיתּוֹת וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַן אֱמוּנָה, נִישְׁט נָאר זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲווֹת, נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי וִוי אַ שִׁיטָה, זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית, דָאךְ הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט; וַוייל תְּפִלָּה אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ, וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן - אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז, קֶענְסְט עֶס זָאגְן פַאר דִיר מִיט

דַיין נָאמֶען: "... ... וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַּארְלִירְן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס"; רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְש, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת.

קֶענְסְט לֵיינֶען שַׁבָּת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַזָל טוֹב פַּאר דִי עֶפֶענוּנְג פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ'עֶ חַבְרֵי הַנְהָלָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַּאר דִי עֶפֶענוּנְג פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי חֵדֶר, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בַּיים עֶפֶענֶען אוּנְזֶער מוֹסָד בֵּית פֵיגָא [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט דִי סַאטְמַאר מוֹסְדוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם - מִיט צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן הַיינְט אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מוֹסָד אִין דִי וֶועלְט; וַוייל אַז מֶען גֵייט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן לְשֵׁם שָׁמַיִם אִיז דָא הַצְלָחָה.

אִיךְ וויל קְלָארְשְׁטֶעלְן אַז אוּנְזֶער מוֹסָד זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט דִי רֶעגִירוּנְג, אִיךְ וִויל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְּרוּטָה פוּן זֵיי, אוֹיךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת נָאר אִידִישׁ.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מְמַנֶּה זַיין אַ גַּבַּאי אִין אַמֶערִיקֶע וָואס וֶועט צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָארְגְט נִישְׁט, אִיךְ וֶועל עֶנְק הֶעלְפְן.

שְׁרַייבְּט מִיר דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס עֶס קָאסְט יֶעצְט אַ חוֹדֶשׁ, אִיךְ וויל עֶנְק הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ב׳ לְסֵדֶר נֹחַ, כ״ו תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ב.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר הַיינְט צְוֵויי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן טֶעכְטֶער אוּן קֵיינֶער וויל זֵיי נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען לֶערְנֶען אִין זֵייעֶר סְקוּל, וַוייל זֵיי זָאגְן זֵייעֶרֶע אִינְגְלֶעךְ לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ אַ רֶמֶז פוּן הִימְל אַז מֶען דַארְף אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, הֵן אֱמֶת סְ׳אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט אַ גַאנְצֶע סְטֶעף מְלַמְדִים, אָבֶער אַזוֹי ווִי עֶטְץ הָאטְס גֶעהַאט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת אַ גַאנְץ יָאר, הַאלְט אִיךְ זִיכֶער וֶועט אִיר מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אוֹיכֶעט הָאבְּן נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

מֶען דַארְף בַּיים אָנְפַאנְג נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מְנַהֶלֶת וְכוּ׳, נָאר אֵיין אָדֶער צְוֵויי פְּרוּוְוען וָואס זֵיי זָאלְן זַיין דִי לֶערֶערִינְ׳ס, מֶען בַּאצָאלְט זֵיי אַרוּם דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג דָאלֶער אַ וָואךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט דִי פָּאר מֵיידְלֶעךְ הֲלָכוֹת, אוּן שְׁרַייבְּן, אוּן רֶעכֶענֶען, אוּן שְׁפְּרַאךְ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי״ע, בַּעַל ״דִבְרֵי יוֹאֵל״, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע ״בֵּית רָחֵל״ מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת,

און עֶס אִיז צוּאוואַקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ׳, יֵשׁוּת וְכוּ׳, פִּרְסוּם וְכוּ׳, אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק און ס׳וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד ווִיל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעף, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ׳ וֶוערְט לֶעבֶער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ׳, און עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ׳, און מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַּארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, און דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָונָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו׳, ט׳) "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ" נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, פַּאר אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אִין מִירוֹן בַּיים תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, און דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דָארְטְן אַ ווִיסְטֶענִישׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ ווִינְטֶער נַאכְט, און קַיין נֶפֶשׁ חַיָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן, נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רַבִּי שְׁמוּאֵל הוֹרְווִיץ זי"ע וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדֶען צוּ דֶעם בָּחוּר, "קוּם מִיט מִיר אַרוֹיס צְווִישְׁן דִי בֶּערְג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", און דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין מִיט אִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁטָאק פִינְסְטֶער, און ווִי זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן

אַרָאפְּצוּגֵיין צוּ דִי זַייט פוּן דִי מְעָרָה שֶׁל הִלֵּל, הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "רַבִּי שְׁמוּאֵל, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין", (ווייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פִּינְסְטֶער הָאט עֶר מִיךְ דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעצִיטֶערְט) הָאט אִים רַבִּי שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט הָאט מֶען פוּן גָארְנִישְׁט קַיין מוֹרָא" (אָבֶּער דֶער בָּחוּר הָאט מִיךְ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַזַא מִין שְׁרֶעק אַז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם צִיוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן עֶר אִיז דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעצִיטֶערְט וְכוּ' וְכוּ',) אוּן רַבִּי שְׁמוּאֵל אִיז זִיךְ אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּם טָאל וְכוּ', אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, אוּן פַארְטָאגְס אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט "וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא הָאבְּן פוּן חַיּוֹת רָעוֹת וְכוּ', אוֹיבּ עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים"?

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט פוּן זִיךְ, דֶעם קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן, אֲפִילוּ אַלֶע חַיּוֹת רָעוֹת וָואס זֶענֶען בִּדְמוּת בְּנֵי אָדָם זֶענֶען אִים מְבַזֶּה מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מַאכְט דָאס נִישְׁט אוֹיף אִים אַ רוֹשֶׁם.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִין מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ב), דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין פִּרְסוּם, וְכוּ', וְכוּ', עֶר וִויל נָאר מְגַלֶּה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הֶערְן אִים צוּ, נָאר אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, בִּפְרַט מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער עֲשִׁירוּת פוּן אַ אִיד, וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"כ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה", שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד.

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רָב זי"ע, בַּעַל "דִבְרֵי

יוֹאֵל", וָואס הֵייסְט אַ רֶבִּי? אוּן וָואס הֵייסְט אַ חָסִיד? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַ רֶבִּי אִיז דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט גְמָרָא אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן אַ חָסִיד אִיז דֶער וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְקַיֵּים צוּ זַיין יֶעדְן סָעִיף פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט נָאר רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, עֶס זָאל זַיין שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיהֶם, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מ"ד) אַז דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה, דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנָה, וְוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה, יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ל"ג.) בַּעֲוֹן נַבְלוּת פֶּה צָרוֹת רַבּוֹת וּגְזֵירוֹת קָשׁוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת וּבַחוּרֵי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִין וְאֵינָן נֶעֱנִין; אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ד׳) הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִים עָלָיו גְזַר דִין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִים עָלָיו לְרָעָה, גַם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנּוֹם, גַּם לְהַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק; וָוארוּם לֵיידֶער הַיינְט רֶעדְן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים גֶעמֵיינֶע נִיבּוּל פֶּה וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם "הַלָּשׁוֹן הוּא קוּלְמוֹס הַלֵּב", וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאס רֶעדְט עֶר, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א׳) מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אַרַיינְצוּפְּרֶעגְלֶען אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן, וַוייל דוּרְךְ לִימּוּד אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן דַיְקָא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוֹיסֶערְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַ מַסֶכְתָּא אוֹיף זִיךְ אוּן מֶען חַזְר'ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וָואס דָאס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם אִין קָאפּ.

אַזוֹי וִוי אִיךְ פָאר אַוֶועק דֶעם דִינְסְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וֶועל דָא נִישְׁט זַיין לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי שַׁבָּתִים וְכוּ׳, אוּן אֶפְשָׁר מֶער וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ מִיר בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס זָאל נִתְרַבֶּה וֶוערְן גְבוּלְךָ בְּתַלְמִידִים.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם]

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁרַייבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען דֶעם שֵׁיינֶעם גִּלְיוֹן ״אַ בְּלִיק״ וָואס דִי חֵדֶר גֶעבְּט אַרוֹיס.

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אִינֶעם גִּלְיוֹן גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָוארְט ״חֵדֶר״ מִיט צְוֵויי יוּדְ״ן: ״חֵיידֶר״; גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁרַייבְּן; מֶען שְׁרַייבְּט אַזוֹי ״חֵדֶר״ נִישְׁט ״חֵיידֶר״. אַזוֹי אוֹיךְ ״רֶבִּי״, נִישְׁט ״רֶעבֶּע״. ״שַׁבָּת״, נִישְׁט ״שַׁאבֶּעס״; גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז אוּנְזֶערֶע זַאכְן זָאלְן זַיין רֵיין פוּן דִי אַלֶע זַאכְן...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי ווייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח; ווִי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מוֹהֲרַ״ש פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דֶעם יֶעדֶעס יָאר בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת יג, יז): ״וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְטְרָאגְן דִי אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי לַאנְד פְּלִשְׁתִּים, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז דִי אִידְן וֶועלְן צוּרִיקְגֵיין קַיין מִצְרַיִם; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווִי קֶען זַיין דִי אִידְן זָאלְן וֶועלְן צוּרִיקְגֵיין קַיין מִצְרַיִם? נָאכְן לֶערְנֶען דִי סֶדְרוֹת פוּן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת וָאֵרָא ווִי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן אִין מִצְרַיִם, מֶען הָאט זֵיי גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת אוּן גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי אוֹיסְלֵייזְן; וֶוער זָאל וֶועלְן צוּרִיקְגֵיין צוּ שְׁלֶעק? וֶוער זָאל וֶועלְן מֶען זָאל אַרַיינְוַוארְפְן זַיינֶע קִינְדֶער אִין וַואסֶער? מֶען זָאל שְׁלָאגְן מִיט מַכּוֹת רֶצַח?!

פְלֶעגְט מוֹהֲרַ״ש זָאגְן: דִי פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, לֵיצָנוּת פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס; דוּ קֶענְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ גִּלּוּי אֱלֹקוּת, קֶענְסְט אִים ווַייזְן דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ קוּמְט אַ לֵץ - קֶען עֶר יֶענֶעם אַוֶועקְרַייסְן פוּן דֶעם אַלֶעם! לֵיצָנוּת אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן אַלֶעמֶען! דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרָאגְן דִי אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי פְּלִשְׁתִּים וַוייל מִיט לֵיצָנוּת וֶועלְן זֵיי בַּאוַוייזְן חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפוּן דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְלֶערְנֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן לֵצִים.

דער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר, אוֹי וַאֲבוֹי! כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "גִיוַואלְד! דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט, פוּל מִיט ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, אוּן דֶער קְלֵיינֶער הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס"; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז, וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן, מֶען הֶערְט דִי ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, מֶען הָאט כֹּחַ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, שְׁוֶוערִיקֵייטְן פוּן פַּרְנָסָה, שְׁוֶוערִיקֵייטְן מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער, שְׁוֶוערִיקֵייטְן פוּן וְכוּ' וְכוּ', - בִּיז עֶס קוּמְט דֶער קְלֵיינֶער הֶענְטֶעלֶע אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, מֶען טְרֶעפְט אַ לֵץ, עֶר פְרֶעגְט: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" נָאכְן עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטּוּל, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער קְלֵיינֶער מַאךְ מִיט דִי הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד!" אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרַייעֶן: "גֶעוַואלְד!"

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ ווְאוּנְדֶערְן, ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען בַּיים רֶבִּי'ן צוּלִיבּ אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט? צוּלִיבּ אַ דְרֵיי מִיט דִי נָאז, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! עֶס הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל! דוּ גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ ווִי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעטְרַאכְט, ווִי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעלֶעבְּט, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט; ווִי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין גוּסְטֶע? דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דַיין מְהַלֵּךְ מַחְשָׁבָה, אוּן וָואס נִישְׁט... אוּן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אִיבֶּער אַלֶעס לְטוֹבָה, וָואס זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ קוּקְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע? וָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס נָאז ווִי אַזוֹי עֶר מַאכְט אַ פַּאקְס?

רֶבִּי נָתָן זָאגְט, לֵיצָנוּת אִיז אַבִי אָבוֹת הַטּוּמְאָה; ווַייל עֶס נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט גִּלּוּי אֱלֹקוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ ווִי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַּמֵּא

פּוֹתְחִין לוֹ", אֵיינֶער ווִיל אַוֶּועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶּועקְגֵיין, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ אוּן עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלַן.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֵן בַּתּוֹרָה; יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַייךְ מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְכוּ' וְכוּ'. הֵן בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּב מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט.

טַעֲנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן שְׁטֵייט נִישְׁט אִין וָוארְט מִיט לֵצִים - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל: "יוֹאֵל, מַאךְ נִישְׁט דִי טָעוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל צוּרִיק טַעֲנָה'ן, אִיךְ וֶועל אוֹיפְוַוייזְן, אִיךְ וֶועל מַסְבִּיר זַיין - וֶועלְן זֵיי אָנְנֶעמֶען, בַּיים סוֹף הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס אַ שָׁאד דִי צַייט, הַנִּצָּחוֹן אֵינוֹ סוֹבֵל אֶת הָאֱמֶת, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ עֶנְטְפֶערְן, נָאר טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן".

דִי שִׂמְחָה בַּיי אוּנְז אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אַז מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם; מִיר הָאבְּן אַזוֹי גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער חֵדֶר שְׁנַת תשׁ"ע מִיט גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער. דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חוֹזֶק; נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דִי גַאס, חוֹזֶק פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיבּ אִיךְ קֶען אוֹיפְהֶענְגֶען אַ צֶעטְל אִין בָּארָא פַּארְק שׁוּל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט דִי שְׁלִיסְל פוּן דִי בּוּלֶעטִי"ן בָּארְ"ד וואוּ מֶען הֶענְגְט דִי צֶעטְלֶעךְ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל מִיר גֶעהֵייסְן אַרַיינְלֵייגְן דִי צֶעטְל, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פַארְרָאכְטְן צְוֵויי וֶוערְטֶער; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז אַלֶע גֵייעֶן אַרַיינְלֵייגְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט...

אִיךְ הָאבּ אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט, אִיךְ הָאבּ סֵיי ווִי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַ מוֹסָד פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער; הַיינְט קוּק אִיךְ צוּרִיק, זָאג אִיךְ אֵיין וָוארְט: ״שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״

דִי וָואךְ קוּמְט אוֹיס דֶער יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, גֵייט קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן, גֵייט מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה, גֵיין צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק אִיז קִיוּם הַתּוֹרָה.

זַייט אוֹיךְ מִתְפַּלֵל פַּאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל; דֶערְצֵיילְט פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דוּרְךְ מִיר, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַּאר מִיר.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, דִי וֶועג וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעפְּלַאסְטֶערְט, דִי שֵׂכֶל וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...